Hebr. Ej 379
šajqevits

# אַשֶׁר און זַאק

## איינע שיינע ערצעהלונג

פערפאַסט פאָן שמר.

ווילנא

Домовой

Расказъ Н. М. Шайкевича.

ВИЛЬНА. Типографія Л. Л. Маца, Завальная улица
д. Вендорфа 1911 года.

## [illegible]

איך בין מיך מודה [illegible] [illegible] האב קיין מאל ניט געהאלטען פון שדים, האט [illegible] באבע זכרונה לברכה האט מיט איהר כשר מזיל דער ציילט אז זיא האט אליין אמאל געזעהען אשד, נור דא אין דער לעצטער צייט האב איך מיך איבער צייגט אז אוועלט איז ניט [illegible] [illegible] מאן אז עס זיינען דא שדים מוז מען גלויבען, [illegible] [illegible] מיט מיינע אויגען האב זוכה געווען צו זעהען [illegible] [illegible] זיי דרייען זיך ארום צווישען אלע קלאס [illegible] [illegible] זיי שפארין אן אפילו אין די צייטונגען....

און אום צו ווייזען מיין [illegible] [illegible] איך בין געווארין אגרויסער מאמין אין שדים האב [illegible] [illegible] די קליינע מעשהלע, וועלכע איך האב גיהערט פון [illegible] [illegible] מענטשען, דאס איז א וואהרע געשיכטע פון אשד וועלכען אמכשף האט אריין געגארט אין אזאק, פון דער געשיכטע קאן מאן זיך אמוסר אראפ נעמען אז מיא טאהר [illegible] קיין זאך ניט לאבין, מיא מוז אין אלץ גלויבען.

[illegible] פערפאסער.

# מיט דעם מויל אזוי, אין דעם הארצען אנדערש.

אנאסט חאסיע זעלדע! שקאצול קומט, מיא באדארף חלעבין דעם אייזוען צו ברעכען, איך האב אייך שוין אפשר פון זעקס וואכין אין די אויגען ניט גיזעהען, איך האב שוין איבער גירעט מיט מיין אלטען, אונ האב אמת געזאגט: קוק נאר אן יענקיל וויא אז גאט העלפט ווערט מען ביי זיך גדולדיג, דוכט זיך אזא גוטער פריינד וויא חאסיע זעלדע איז אונז גיוועזן, שטייט איר שוין גאר ניט אן קומן צו אונז, וואס איז? גאט האט איר געהאלפין, נישקאשע חאסיע זעלדיניא חלעבין איר באדארפט זיך מיט אונז אבור היזיר ניט שעמען, מיר זיינען געלויבט איז זיין ליבער נאמען נאך אויך ניט פון די ארויס געווארפענע הלואי אחוץ אונזער שאדין אויף אונזערע קינדער געזאגט געווארין.

ווער עס ווינטשט חלילה אייך שלעכטס ציפה קריינע יענעם זאל זיין פינסטער אונ ביטער אז קיין דאקטאר אונ קיין רופא זאל אים ניט העלפין — האט חאסיע זעלדע גיענטפערט אבוישענד די נאז מיט דער לינקער זייט קאפטע — איר מיינט ציפה קריינוניא אז מיר זיינען דאס אזעלכע נאראנים וואס פערשטייען גאר ניט, וויא זאגט מען עפעס, וואו איין וואו אויס, חלעבין אונז קאן מען מיט גאטעס הילף אויך פאר אזאק ציבעלעס ניט פערקויפען, איך פערשטיי אז איר האט אוממיסטין אזא מגילה געלייענט כדי איך זאל צו אייך קיין פריטענזעס ניט האבען, דאס וואס איך האב באדארפטריידין רעט איר, נוא מאנעפשאך (כמה נפשך) זאל זיין אזו, וויא זאגט מען עפעס אנ'אקס האט אלאנגען צונג אונ קאן קיין שופר ניט בלאזין.

עהע חאסיע זעלדע! — האט ציפה קריינע מיט אפערדריס-ליבע מינע געזאגט — זעהט איר דאס פערדריסט מיך שוין, איהר האט צו אונז פריטענזיעס? אדרבא זאגט וואס האב איך אדער מיין יענקיל אויך הלילה פאר שלעכטס געטאן, דוכט זיך דאס ווייסין גאט אונ לייט אז בשעת מיינער איז גיוועזן מיט אייערין שותפות

אין דער אזערא, האבען מיר בידע וויא צוויי שוועסטער געלעבט, מיר האבען זיך געטיילט מיט דעם ביסען פון מויל.

פאר וואס זאלט איהר חאסיע זעלדיניא מיך ציהען פאר דער צונג איך זאל ריידין אזעלכע ווערטער וואס אייך וועט פערדריסען וויא זאגט מען עפעס ריידין איז זילבער שווייגען איז גאלד, חלעבין לאמיר גאר פערגעסען וואס איז געווען, וויא בשעת ניט היינט געדאכט נאך דעם שותפות אז מיר זייגען געבליעבען וויא זאגט מען עפעס וויא די מאמע האט אונז געהאט, אונ מיין צמח איז ניט פאר קיין יודען געדאכט קראנק געווארין אונ איך האב אפילו ניט געהאט פאר וואס דעם רופא צו רופען האט איהר מיר ניט געוואלט אין שטוב אריין לאזען, נאר אכפרה זעהעט איהר דאך אז גאט איז אבעסערער וויא זאגט מען עפעס מיט איין האנד שלאגט ער, מיט דער צווייטער היילט ער, זינט מיין אלטער האט געדונגען די מיהל געלויבט איז זיין ליעבער נאמען געהט אונז הלואי ווייטער ניט ערגער, מיר בעדינגען זיך אונזער פרנסה וויא זאגט מען עפעס אי אויף ברייט אי אויף אביסעל קרופניק, אונ נאך אויף אשטיקעלע פלייש, דער ציילט מיר בעסער וואס הערט זיך ביי אייך קומט אייך שוין אפשר אמזול טוב פון חיימקעס תנאים?

דער וויל נאך ניט, נאר סתמא וועט זיין ליעבע נאמען זיין בעשערטער אויך אין גיכען צו שיקען, נוא אזו וואס הערט זיך מיט אייער חיענען, איך האב געהערט אז זיא ווערט שוין אין גיכען איין כלה מיט מזל.

יא מיט דעם אויבערשטענס הילף היינטיגע וואך וועט זיין די מזילדיגע תנאים.

טאקע מיט בערקע דעם מילנערס בחור.

יא מיט בערקעס בחורל איהר קאנט דאך איהם חאסיע זעלדיניא, וואס זאגט איהר צו איהם ער איז אבורליאנט אן אנהארע? (עין הרע) ער וועט שוין קענען אהייב ברייט וויא מיא זאגט, מיט דעם פולען מויל.

איך וועל אייך זאגען דעם אמת חאסיע זעלדע, זימיל

פערקעס איז טאקע איין פיינער געזונטער פּחור, נאר איהר זאלט אויף מיר קיין פעראיבעל ניט האבען, איך מוז איך דאך זאגען דעם אמת ווייל איך האב דאך אייך בעשטענדיג ליעב ווי א שוועסטער, אז ער געפעלט מיר עפעס ניט טאקע דער פאר וואס ער איז צו געזונד.

דאס איז ביי אייך אחרון? גאט איז מיט אייך וואס רעדט איהר.

עס פערשטעהט זיך אז דאס איז ניט קיין מעלה, פאר א יודישען חתן פאסט ניט אזעלכע ברייטע פלייטצעס, אונ אזעלכע געזונדע באקען, עפעס זיינען מיר יודישע קינדער דאך ניט גלייך צו אנדערע.

אסור אויב איך וואלט מיך געריכט איהר ציפּה קריינע אז איין קלוגע יודענע אהן אנדערע זאל אזעלכע ווערטער ריידין, דוכט זיך אין אלע אונזערע היילינגע תחינות בעטין מיר דעם וואס איך בין ניט ווערטה צו דער מאנען ער זאל אונז שיינקען לעבען אונ געזונד, אונ ביי אייך איז גאר געזונד אחרון. — איהר פערשטייט מיך ניט חאסיע זעלדע איהר זאלט מיר געזונד זיין, צו איך זאג אז געזונד זיין איז אחרון, תלואי זאלען אלע אונזערע ליעבע געזונד זיין, איך זאג אז זימעל האט צו ברייטע פלייטצעס אונ צו גראבע באקין, אונ פאר איין יודען פאסט דאס ניט, מיא קאן געזונד אונ שטארק זיין אהן אזעלכע פלייטצעס אונ אהן אזעלכע באקען.

זאל איך מעהר קיין צער ניט האבען אויף מיין גאנץ לעבען, אלע דאגות זאלען מיר פעלען נאר דיא איין דאגה זאל מיר בלייבען וואס מיין טאכטער מאן האט שיינע געזונדע באקען אונ ברייטע פלייצעס, ער מוז האבען ברייטע פלייצעס ווייל ער בעדארף אויף זיא טראגין גאנצע זעק מעהל, לאמיר אוועק ווארפען פון דעם צו ריידען דער צייט מיר בעסער וואס הערט זיך ביי אייך עפעס נייעס.

ביי מיר הערט זיך גאר קיין נייס ניט, נאר עפעס דער צייט מען פון אייער מיהל נייעס — האט ציפּה קריינע געזאגט מיט אלייכטען שפּיכעל:

אשר עז מאם

וואס פאר נייעס דער ציילט מען דען פון מיין מוהל? איך ווייס עפעס האב איך געהערט ר' דענדיג פון שדים... פון שדים? — האט חאסיע זעלדע מיט בעס געזאגט — זאל אזו רבונו של עולם אריין אשר אין מיינע פילערס הערצער וויא בייא אונז זיינען חלילה קיין שדים ניטא, וויא קומען צו אונז שדים, וואס איז? ביי אונז זיינען דען קיין מזוזות ניט אויף אלע טירען?

וואס זשע האט מען מיר דער ציילט א גאנצע מעשה, אז אלע נאכט זייגער צוויי קלאפט ביא אייך אין מוהל, און מיא הערט דארטין טאנצענדיג און זינגענדיג.

דאס האבען שונאים אויס געקלערט — האט חאסיע דרייזיע גיענטפערט און עס וואר לייכט אן איהר צו ערקענען אז זיא בעמיהעט זיך באהאלטען איהר שרעק — עס איז טאקע אפאר געבט ניט שטיל גיווען ביי אונז אין מוהל, נאר דאס האט געמוזט זיין אונזער שיכורער שבן אלעקסי, ווען ער שיכורט זיך אן קריכט ער אריין אין מוהל און מאכט דארטען אן עליארם.

הלואי זאל גאט געבין דאס זאל זיין איין ליגין — האט צ' קריינע מיט א ערנסטע מינע געזאגט — גלויבט מיר אז א' איך האב דער הערט אז ביי אייך אין מוהל טאנצען ארו שדים איז אין מיר קיין נשמה ניט געבליעבען, און האב זין געזאגט צו מיין אלטען: וואס זאגסטו יענקול וויא אונזע האסיע זעלדען געהט געבאך ניט, אז גאט האט איהר שוין געהאלפען און זיא האט זיך צו געשלאגין צו א שטיקעל פרנסה, אט האסטו דיר האבען זיך גאר ניט גוטע אריין געהאפט צו איהר אין מוהל, איך זאג אייך וויא איך בין איין יודישע מאכטער אז איהר האט מיך פשוט מחיה גיוועז מיט דער גוטער בשורה אז די גאנצע מעשה איז אליגען.

איך ווייס אז איהר זענט מיר א גוטער פריינד — האט חאסיע זעלדע געזאגט — נאר איהר פערשפארט צו האפען עגמת נפש דאס האבען נאר שונאים אויס געקלערט, נאר איך האב מיך דא פאררעדט, און האב גאר פערגעסען א

איך האב אבער געלאזט די שטוב אליין, האט מיר אגוטען טאג ציפה קריינוניא, מירצע שעם אויף מיינע שמחות זאלט איהר זיך למען השם ניט לאזין בעטין, דר פר וועל איך מיך ניט לאזין בעטין אויף אייערע שמחות, אגוטין טאג אייך, זייט מיר געזונד און פריש.

אגוטער יאר זאל אייך זיין, גייט געזונדערהייט — האט ציפה קריינע גיענטפערט איר בעגלייטענד ביז צו דער טיר.

אגוטער פריינד איז זיא מיר — האט חאסיע זעלדע געזאגט צו זיך אליין אלס זיא איז שוין געווען אויף דער גאס — אזא גוטער פריינד זאל איר גאט זיין דער ימחשמוניצע דער דינסט מיר, זיא מיינט איך האב ניט פערשטאנען מיט וואס פאר אשמחה זיא האט גירעט פון די שדים וואס טאנצען ארום ביי מיר אין מיהל, אשד זאל אין איר טאטען דעם שיכור אריין די ערד זאל אים ארויס ווארפין, און איר זאל דאס אריין ווארפין דער קלבוניצע.

הא הא הא! — האט זיך ציפה קריינע פאנאנדער געלאכט אלס חאסיע זעלדע איז פון איר ארויס גיגאנגען — זיא מיינט איך האב ניט גיזעהן וואס פר אבייזע מורא אויף איר איז אן געפאלין אז איך האב איר דער מאנט פון די שדים, האב איר צעהן שווארצע יאר, זאלין טאקע שדים זיא מיט איר מאן און מיט איר טעכטעריל צו חאפין, זאלין זיי ווייטער וויסען וויא צו מאכין זיך גרויס אנטגעגען אונז, אזאך און וויי צו די יארין, די מילנער די אבאדראנצעס ווילען ניט זייער טעכטעריל זאל התונה האבין מיט מיין חיימקען, עס איז טאקע אויסער בנאמנות דער טייפעל זאל זיי אלע צו נעמען.

## ב.

## אתסרון אין דער כלה.

ציפה קריינעס מאן יענקיל חאפ שפילט היינט אפיינע ראליע אין דעם שטעטיל קורלאפקע, ער איז גבאי אין שול, צליעון אין דר אופראווע, און אגאנצער מאכער ביי דעם פריסטאוו, דאס איז ער אזוי גרויס געווארין פון דר צייט וואס ער האט אריין גיגעבין אניי ספר תורה אין קוראלאפקער שול, און האט זיך אן געהויבין צוא מישען אין קהלשע גישעפטין, מיט עטליכע יאר פריער וואר ער אקליין מענטשעלע, אפישער, ער האט געהאלטין די קוראלאפקע

אזערע בשותפות מיט צמח קאטער, תאסיע זעלדעס פאן.

ציפה קריינע אליין האט ניט געוואקסין זייער פון אשיינער פאטיליע, זיא וואר הענאך דעם שוקטערס אטאבטער, אונ האט ביז איר פינף אונ צוואנציגסטן יאר געדינט ביי צמח קאטערס אפעטר, מיא חאט זיא שוין בעטראכט פאר איין אלטע מויד אונ זיא האט געחיסין, אין שטעטיל ציפע קריינע די הויבע, קיינער האט שוין מיט איר ניט געוואלט חתונה האבין, נאר זיין ליבער נאמען האט אויף איר רחמנות געהאט אונ האט עפעס אריין גיגעבין יענקול חאפ, ביי וועלכען עס איז דאמאלס דאס צווייטע ווייב געשטארבין, אמחשבה ער זאל דער אלטער מויד פערשלייערין, אונ זיא איז מיט מזיל זיין ווייב געווארין. — יענקול חאפ האט דאמאלס געדינט ביי זרח קאטער ארום די אזערעס וואס ער האט געהאלטין, אונ איז גוט בעקאנט געווארין אין דעם גישעפט, דארום האט אים צמח קאטער וועלכער האט נאך זיין פעטער זרח'ס טויט דאס גישעפט איבער גינומען, יענקלען פר אשותף צו גינומען, אלאנגע צייט זיינען זיי ביידע גיוועזן שותפות אונ האבין ביידע זייער פיין גילעבט, ענדליך אבר האט גאר אפרעמדר מענטש דאס גישעפט ביי זיי ארויס גינומן, אונ די שותפים האבען זיך פאר נאנדער געטיילט.

אלע קוראלאפקער איינוואוינער האבין בעוואונדערט וויא די צוויי גלייכע שותפים זיינען ניט גלייך ארויס פון זייער שותפות, דען צמח קאטער איז געבליבין איין קבצן אונ האט כמעט אויף דעם ערסטין מיטאג ניט געהאט, דאגעגען אבער יענקיל חאפ איז ארויס אנגיד ער האט געקויפט אפיין הויז אונ האט אן געהויבין פערלייען געלד אויף פראצענט, זרח האט אפילו געשריען אז דר שותף האט איהם בהלות גישטעלט, אונ אלע האבין אים צו ליב געטאן אונ האבין אים געגלויבט, אבער ער איז פארט געבליבין איין ארימאן, אונ יענקול חאפ איז געבליבין אנגיד, דר פר אבער האט דער נגיד קיין אכטונג ניהאט ביי קיינם אלע האבין זיך פון אים ערוויטערט אונ ביי דר מינדעסטער געלעגענהייט האט ער ניהערט דעם נאמן גנב.

דאס האט יענקלען גאר ניט געשמעקט, דען געוואוינליך אז מיא האט געלד וויל מען האבין כבוד אויך, דארום האט ער אן געהויבן צו ציהען צו זיך נייע שטאט לייט מיט פערשיידענע קונצן,

ער האט געהייסן שרייבן א ספר תורה, און האט זיא איין גיגעבן
מיט גרויס פאראד אין שול, ער האט זיך צו געשדבינט צום גאראד-
ניצע און האט אים זייער אפט צו פרידען געשטעלט ביז ער איז ביי
אים געווארען א גאנצער תקיף, און קיים איז ער ביי אים געווארען
א תקיף האבען זיך אסך יודעלאך צו אים געווענדעט ער זאל זיי טאן
ביי דעם ארון א טובה, אזוי איז ער זיך גיגאנגען פון שטופע צו
שטופע ביז דאס שטעטיל האט זיך גאר פר געסין ווער ער איז און
וואס ער איז אלע האבין אים אן געהויבן צו געבין כבוד נאך מעהר
אלס ער האט פערלאנגט, ער איז געווארין גבאי אין שול, און
א גאנצער מאכער אין דער אופראווע וויא ביי דעם גאראדניצע, ער
האט שוין ניט געהייסן יענקעלע חאם, נור יענקל דר גבאי, און
זיין ווייב ציפה קריינע פלעגט שוין שטיין אויבין אן אין דער
ווייבערשער שול, און אלע קראלאפקער ווייבער האבען איהר
פריער געוואנט „גוט שבת״.

דר פר אבער איז געבאך צמח קאטער געווען אויף צרות, דר
דלות האט זיך צו אים צריין געקליבין און האט אים מיט זיין
פאמיליע געמאטשעט אומערבארמדיך ביז ער איז פאר עגמת נפש
קראנק געווארין, חאטשע זעלדע זיין ווייב איז געפאך וויא א פער-
קאמטע ארום געלאפין זוכען עפעס געלד מיט וואס איר מאן צו
היילען, און דר נויט האט זיא אזוי צו געדריקט אז זיא האט זיך
בעשלאסין אריין צו גיין צו איר א מאהליגע שותפטע ציפה קריינע
זיא בעטען זיא זאל איר לייען עטליכע רובעל, אבער קיים האט
ציפה קריינע זיא דורך דעם פענסטער דער זעהן אז זיא גייט צו איר,
האט זיא פערשטאנען וועגען וואס זיא גייט און האט געהייסן די
טיר פערשפארין. — גאר נאט האט אויף דעם ארטען קראנקען
צמח'ן רחמנות געהאט און האט אים זיין הילף אויף זיין רפואה
געשיקט, ער איז געזונד געווארין, און זיינער אבעקאנטער פריץ
האט אויס רחמנות אים פערדונגען א מיהל וואס איז געווען סך הכל
צוויי ווערסט ווייט פון קראלאפקע, צמח האט אן געהויבין מיט דעם
מיל צו ארבייטין און האט אן געהויבין צו גיין זייער גוט.

האטש יענקול חאם איז יעצט נאך אלץ העכער געשטאנען
אלס צמח קאטער, פון דעסט-וועגין האט ער שטארק געוואלט

זַיינֶער אַמְחוּתָּן וֶוערִין, אַז זַיין חיימקע זָאל חתונה הָאבִּין מִיט צמח'ס טָאכְטֶער חיענע, עֶרְשְׁטִינְס דֶער פַאר וָואס צמח'ס יְחוּס אִיז גִיוֶוען גְרֶעסֶער אַלְס זַיינֶער, אוּנ צְוַוייטֶענְס הָאט עֶר בֶּעמֶערְקְט אַז זַיין חיימקע הָאט שְׁטַארְק חֵשֶׁק צוּ זַיין חיענעס מַאן ׃

חיימקע אִיז דַאמָאלְס אַלְט גִיוֶוען צְוַואנְצִיג יָאר, עֶר וַואר אַמָאגֶערֶער דַארֶער קוּרְצֶער בָּחור מִיט דַארֶע אַיין גֶעפַאלֶענֶע בַּאקִין, אוּנ טִיף אַיין גֶעגְרָאבֶּענֶע קַאטְצֶען אויגֶען, עֶר הָאט גֶעהַאט אַיין קוּראלאפקע אַנָאמֶען פוּן אַלְמְדָן, וָוען עֶר פְּלֶעגְט זִיצֶען אוּנ לֶערְנֶען הָאטְשׁ עֶר הָאט אַזוֹי פֶערְשְׁטַאנֶען אִין דֶר גמרא וִויא זַיין מַאמֶע הָאט גֶעהַאט אַבֶּעגְרִיף אִין דֶעם גְרוֹיסִין קרבן מנחה מִיט וֶועלְכֶען זִיא פְּלֶעגְט גֵיין אִין שׁוּל, יענקול מִיט ציפּה קריינען הָאבֶּען מִיט אִים שְׁטָאלְצִירְט, זַיי הָאבִּין גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַפֶערְטִיגֶער רב, זַיי הָאבִּין צמח'ס טָאכְטֶער חיענען זַייעֶר לִיבּ גֶעהַאט פַאר אִיר שֵׁיינְקַייט אוּנ קְלוּגְקַייט, דַארוּם הָאבִּין זַיי גֶעוָואלְט זִיא זָאל זַיין חיימקעס וַוייבּ, זַיי הָאבִּין אוֹיךְ אַשַׁדְכָן אוּנְטֶער גֶעשִׁיקְט צוּ צמח, אוּנ בַּיי זַיי וַואר קַיין סָפֵק אַז צמח מִיט האסיע זעלדען וָועלִין זִיךְ אָן חַאפִּין מִיט הֶענְד אוּנ מִיט פִּיס אִין דֶעם שִׁידוּךְ, וִויא הָאט דָאס זַיי אָבֶּער גֶעקְרֵיינְקְט אַלְס דֶער שַׁדְכָן הָאט זַיי גֶעבְּרַאכְט אַתְּשׁוּבָה אַז צמח מִיט האסיע זעלדען ווִילִין פוּן זַייעֶר חיימקען נִיט הֶערִין אוּנ זַיי הָאבִּין פַאר חיענען אויס גִיקְלִיבִּין בערקע דֶעם מִילְנֶערְס בָּחוּר זימעל פַאר אַחָתָן •

בערקע דֶער מִילְנֶער וַואר אֵיינֶער פוּן דִי קוּראלאפקער גְרוֹיסֶע נְגִידִים, וָוען עֶר הָאט גֶעהַאט אַיין אֵיינֶענֶעם פֶערְד מִיהל אוּנ נָאךְ דַאצוּ אַיין אכסניה, זַיין זוּן זימעל וֶועלְכֶער הָאט צוּ דֶר גמרא נִיט גֶעטֵייגְט אִיז גִיוֶוען אַנֶעווּנְדֶער אַרְבֵּייטְקֶערִיל, אוּנ הָאט דֶעם פָאטֶער פִילֶע נוּטְצֶען גֶעבְּרַאכְט מִיט זַיין אַרְבֵּייט, אִין קוראלאפקע הָאט מֶען פוּן אִים נִיט גֶעהַאלְטִין טַאקֶע דֶר פַר וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַפְּרָאסְטֶער אַרְבֵּייטְסִיוּנְג, נָאר צמח קאטער וֶועלְכֶער הָאט שׁוֹין גֶעהַאט דִי אִיבֶּער צֵייגוּנְג אַז צוּ אַגִישֶׁעפְט מוּז מֶען זַיין אַפְּלֵייסִיגֶער אַרְבֵּייטֶער, הָאט פַר זַיין טָאכְטֶער קַיין בֶּעסֶערְן גְלִיק נִיט גֶעפוּנֶען וִויא אִיר צוּ גֶעבִּין אַזַא מַאן וִויא זימעל אִיז, אוּנ טַאקֶע חיענע אַלֵיין הָאט מֶעהר חֵשֶׁק גֶעהַאט צוּ הָאבִּין דֶעם אֵיינֶערְנֶעם זימעל פַר אַמַאן אַלְס אַיין אוֹיס גֶעקְוִוייקְטִין לַמְדָן •

זיא האט מיט זומלען אן געהויבן שטילערהייט צו ראמאנ-זירען, נאך איידער מיא האט איר מיט אים אשידוך גירעט, אונ אין די פינסטערע נעכט פלעגין זיי זיך זייער אפט באגעגנען אונ זייגקען איינע די אנדערע פייעריגע הייסע קיסע, זימעל אליין האט נאכהער גירעט מיט צמחן וועגין דעם ער זאל אים בעגליקען מיט זיין היענען, אונ צמחן וויא אויך גנעסיע זעלדען איז דער שידוך באלד גיפעלין, אונ צווישען זיי איז גיך געווארין אקבלת קנין.

אלס יענקול חאפ מיט זיין ציפה קריינען האב דאס דר הערט, האט דאס זיי שטארק פערדראסין, אונ זיי האבין אלע מיטלען אנגעווענדעט הינטערנארום דעם שידוך קאליע צו מאכען, דאס האט זיי אבער ניט געלונגען.

נאר מעהר פון זיי האט דאס געקריינקט זייער היימקען, ער וואר אין חיענען פשוט פערליבט איבער די אויערין, אונ אלס ער האט דער הערט אז ביא איר איז שוין גיוועזן אקבלת קנין מיט זומלען איז ער פאר ענמת נפש שיער משוגע געווארין.

ציפה קריינע האט אין הארצין גירעכט גיגעבין צמחן מיט גנעסיע זעלדען וואס זיי האבין בעסער דעם איידעמען זומלען פר היענען אויס געקליבין, אלס איר מאגערן דארן היימקען, זיא האט גנעסיע זעלדען גאר ניט פערגונען זיא זאל האבין אזא וויילען איידים פאר וועלכען איר טאכטער וועט בעשטענדיג זיכער זיין מיט פרנסה, אונ זיא האט זיך ניט געפוילט אריין צו גיין צו בערקע דעם מילנערס וויב, מאכין מיט איר עפעס אשמועס פילייכט וועט זיא דא קענען דעם שידוך קאליע מאכין. — גאט העלף איך ספרינצע טאלצע! — האט זיא פריינדליך געזאגט צו בערקעס וויב — איך בין איך גיקומען מזל טוב אב געבין פון אייער בהורלס שידוך, עפעס בין איך דאך דא אויך אשטיקיל מחותן, מיר זיינען דאך אמאל גיוועזן שותפים מיט צמחן, אונ די כלה האט זיך אויף מיינע הענד אויס געהאדעוועט, איך האב געמיינט חלעבין אז איר וועט צו מיר קומען פרעגין אויף דער כלה, נאר אז איר זייט ניט גיקומען מאכט אויך ניט אויס, עס וועט זיין מירצעשעם מיט מזל אן מיר אויך.

וואס קטאטש — האט ספרינצע טאלצע גיענטפערט — איר מיינט חלילה אז מיר האבין זיך אן אייך פערגעסין, מיר האבין גאר

אַנְדֶערְס נִיט גִיקְלֶערְט וִויא אַייךְ צוּ בֶּעטִין מִיט אַייֶער מַאן זָאל לֶעבִּין אוֹיף דִי תנאים , אִיר וֶועט זִיךְ דָאךְ מסתמא נִיט לָאזִין בֶּעטִין הַא ?

וָואס פְרֶעגְט אִיר קַשְׁיוֹת , צוּ אַייךְ אוֹיף אַיין שׂמחה וָואלְט אִיךְ גִיקוּמֶען הָאטְשׁ אִיר זָאלְט מִיךְ נִיט בֶּעטִין , אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אִיבֶּער גִירֶעט מִיט מַיין אַלְטֶען זָאל לֶעבִּין , אוּנ הָאבּ גֶעזָאגְט : הֶערְסְטוּ יֶענְקוֹל מִירְצֶע שֶׁם בַּיי בערקעס בָּחוּרל אוֹיף דִי תנאים מוּזֶען מִיר בֵּיידֶע זַיין הָאטְשׁ מִיא וֶועט אוּנְז נִיט רוּפֶען , לָאמִיר זִיךְ נִיט נַארִין ספרינצע טאלצוניא עֶפֶּעס אַפָּךְ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע פְרַיינְד וִויא אִיר זַייט הָאבִּין מִיר דָא ? מִשְׁטֵיינְס גֶעזָאגְט דִי הִיגֶע שְׁטָאט מִיט דִי הִיגֶע מֶענְטְשֶׁען , נָאט זָאל מִיךְ נִיט שְׁטְרָאפִין פַּר דִי רֵייד , אָסוּר אוֹיבּ מֶען מָאג אִין זַייֶערֶע דַאלֶעטְאַמְעס (ד' אמות) שְׁטֵיין , וָואס מֵיינְט אִיר צְוִוישֶׁען אוּנְז גִירֶעט טַאקֶע אַייֶער מְחוּתֶּנְתֶּטֶע גנעסיע זעלדע זָאל זִיא זִיךְ גֶעזוּנְד אוּנ שְׁטַארְק זַיין , זִיא אִיז מִיר אַגוּטֶער פְרַיינְד ? אוּנ פְרֶעגְט , אִיר זָאלְט מִיר אַנַחַת הָאבִּין , פַּאר וָואס אִיז זִיא מִיר אַיין שׂוֹנֵא , וִויפִיל גֶעזוּנְד הָאבּ אִיךְ דָאס אַוֶועק גֶעלֵייגְט בשעת אִיהר חיענעטשקע נִיט הַיינְט גֶעדַאכְט , צֶעהֶן מָאל נִיט הַיינְט גֶעדַאכְט , אִין אַגוּטֶער שָׁעָה צוּ רֵיידִין , אִין אַבֵּייזֶער צוּ שְׁוַייגִין בשעת זִיא הָאט גֶעהַאט דֶעם פֶעלֶער , אִיךְ הָאבּ דָאךְ קֵיין נֶעכְט נִיט גֶעשְׁלָאפִין .

וֶוער הָאט גֶעהַאט אַפֶּעלֶער , וֶועגֶן וֶועמֶען רֶעט אִיהר ?— הָאט ספרינצע טאלצע גִיפְרֶעגְט . — אִיךְ רֵייד דָאךְ טַאקֶע פוּן דֶר כלה חיענעטשקען בשעת זִיא הָאט גֶעהַאט דֶעם פֶעלֶער ?

וָואס פַאר אַפֶּעלֶער הָאט זִיא דָאס גֶעהַאט .

וַויים אִיךְ אַקְלֵיינִיגְקֵייט , גָאר אַקְלֵיינִיגְקֵייט , עֶפֶּעס נִיט פַאר אוּנְז גֶעדַאכְט אַשְׁטִיקֶעל דיבוק רחמנא לצלן הָאט זִיךְ אָן אִיר אָן גֶעטְשֶׁעפֶּעט , אוּנ הָאט זִיא אַזוֹי גֶעמוּטְשֶׁעט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דָאס קִינְד דֶער גֵייט . — חיענע הָאט גֶעהַאט אַדִבּוּק ? — הָאט ספרינצע סטאלצע עֶרְשְׁרָאקִין גֶעפְרֶעגְט .

נוּא וָואס זְשֶׁע אִיז ? — הָאט ציפה קריינע לָאכֶענְד גִיזָאגְט— אַבִּי זִיא הָאט הַיינְט נִיט, דֶער טָאטֶער וָואס הָאט אִיר דֶענְצְמָאלְט גֶעהֵיילְט הָאט אפילו גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ מִיט דֶר צַייט וַוייטֶער אָבּ רוּפֶען , נָאר מַאלֶע וָואס אַטָאטֶער רֶעט , נִישְׁקָאשֶׁע ספרינצע טאלצוניא קֵיין בֵּייז , הָאט נָאר קֵיין מוֹרָא נִיט , אַזַא יָאר אוֹיף מִיר

וָואס פַאר אַטײעֶרֶע כלה אַײעָר זימעל גֶעמַט. — זִיא הָאט נָאךְ אַבִּיסִיל גֶעטַײנֶעט אונ אִיז אַוָועק גִיגַאנְגֶען דֶר צֵיילִין אִיר מַאן דִי חכמה.

אִירֶע וָוערְטֶער אָבֶּער זַײנֶען ספרינצע טאלצען נוט אַרַײן אִין דֶער נָאז, עֶפֶּעס אַקְלֵײנִינְקַײט אִיר זוּנְס כלה הָאט אַמָאל גֶעהַאט אַדִיבּוּק, עֶפֶּעס אַקִינְדֶער שְׁפִּיל אַדִבּוּק? זִיא הָאט אָן גֶעהוֹיבִּין נָאךְ צוּ פְרֶעגִין צוּ דִי מעשה אִיז אמת, אוּנ ציפה קריינע הָאט שׁוֹין אָן גִישְׁטֶעלְט אַפָּאר מֶענְטְשִׁין וָואס הָאבִּין דֶער מְחוּתֶּנְתְּטֶע דֶער צֵיילְט אַז זֵיי וַוייסִין גֶעוִויס אַז היענע הָאט קְלֵײנֶערְהֵייט גֶעהַאט אַדִיבּוּק אוּנ דֶר טָאטֶער וָואס הָאט אִיר דַאמָאלְס גֶעהֵיילְט הָאט גִיזָאגְט אַז דֶר דִבּוּק מוּז זִיךְ אוּמְקֶערִין צוּ אִיר אַז זִיא וֶועט אֵיין כלה וֶוערִין.

ספרינצע טאלצע הָאט אָן גֶעהוֹיבִּין צוּ לַארֶעמֶען אַז זִיא ווִיל דֶעם שִׁידוּךְ נִיט, אָבֶּער זימעלע הָאט זִיךְ אַײן גִישְׁפַּארְט אַז היענע מוּז זַיין זַיין כלה, אוּנ דִי מוּטֶר אַז זִיא הָאט גִיזֶעהֶען אַז זִיא קָאן גָאר נִישְׁט אוֹיס פִירִין הָאט גֶעמוּזְט נָאךְ גֶעבִּין אוּנ שְׁוַויינֶען.

נוּר פְּלוּצִים אִיז זימעל אַלֵיין אוֹיךְ עֶפֶּעס ווִיא בָּטֵל גֶעוָוארִין, דֶען מִיא הָאט אָן גֶעהוֹיבִּין צוּ רֵיידִין אִין שְׁטֶעטִיל אַז בֵּיי צמחן אִין מִיהל אִיז אַלֶע נַאכְט אוּם צְוֶועי דֶעם זַײנֶער אַשְׁווִישְׁצֶערַײ אוּנ אַטַאנְצֶערַײ פוּן שֵׁדִים, דָא אִיז אַײן גֶעפַאלִין זימלען דִי מעשה מִיט דֶעם דִבּוּק, ווִיא דֶער טָאטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז בשעת היענע וֶועט אַײן כלה וֶוערִין מוּז זִיךְ דֶר דִבּוּק צוּ אִיר אוּמְקֶערִין, וֶוער ווֵייס — הָאט עֶר זִיךְ גִיקְלֶערְט — צוּ דִי שְׁווִישְׁצֶערַײ אוּנ דִי טַאנְצֶערַײ אִין מִיהל אִיז נִיט פוּן דֶעם דִבּוּק וֶועלְכֶער ווִיל צוּרִיק אִין היענען אַרַײן, עֶר הָאט זִיךְ בֶּעשְׁלָאסִין, עֶר זָאל רִיכְטִיג עֶרְפַאהרֶען צוּ דָאס אִיז אמת וָואס אַלֶע נַאכְט אִיז בֵּיי זַיין מחותן אַזַא רַעשׁ, אוּנ אוֹיבּ דָאס אִיז אמת זָאל עֶר דֶעם שִׁידוּךְ אָבּ לָאזִין.

## ג.

## צָרוֹת פוּן שֵׁדִים.

אוּנ דָאס אִיז טַאקֶע גִיוֶועזֶען אמת, בֵּיי צמחן אִין מִיהל אִיז נָאךְ הַאלְבֶּע נַאכְט זֶייעֶר אוּנְרוּהִיג גִיוֶועזֶען — מִיא הָאט דָארְטִין גִיהֶערְט אַפַייפֶערַײא אוּנ אַקְלַאפֶּערַײא.

צמח מִיט גנעסיע זועלדען, זַײנֶען גִיוֶועזֶען אוֹיסֶער זִיךְ פוּן עגמת נפש, בֵּיי זֵיי אִיז קַיין צְווַייפֶעל גִיוֶועזֶען אַז דָאס קְלַאפֶּען נִיט אוּמֶע,

דען דר סטאראזש פון דעם מיהל האט זיי ערציילט אז זייער אף דינט די מיהל אלס זאממעלפלאטץ פר שדים, ער האט זיי דער ביי ערציילט אזעלכע שרעקליכע זאכין וואס ער האט דא גיזעהן אז די האר האבין זיך פשוט ביי זיי גישטעלט פאר שרעק, אומזאנסט האט צמח אויס גיגעבין געלד אויף נייע מזוזות וואס ער האט צו געשלאגן אין אלע טירען, עס האט קיין זאך געהאלפין דאס פייפעריי און קלאפעריי איז מיט יעדען אבענד אלס שטארקער געווארין, אויסער חיענע האט זיך פון זייער שרעק אויס געלאכט, און האט געזאגט אז דאס זיינען ניט קיינע שדים נאר יונגאטשעס וואס ווילען זיי איבער שרעקין, זיא האט זאגאר אמאל אליין געוואלט גיין ביי נאכט מיט אלאטערנע אין מיל זעהן ווער דאס פייפט און קלאפט, אפער אירע עלטערין האבין איר פאר קיין פאל געלאזט אהין גיין.

צמחן מיט גנעסיע דרייזען איז געווארין זייער ביטער אויף די הערצער, דען קיים זיינען דאס שדים, מוז מען דאך די מיל אוועק ווארפין, און דאס הייסט אזו פיל וויא אוועק ווארפין דאס איינציגע שטיקעל ברעטיל וואס האלט זיי אויף אויף דעם וואסר און זענקען אין טיפין אבגרונד, אדער אוועק לאזין דאס איינציגע שטיקיל פרנסה און גיין איבר די הייזר מיט טארבעס, זיי האבין נעבאך זייערע צרות פערשטיקט אויף די הערצער, מיא זאל ניט ערפאהרען אין שטאט אז ביי זיי האלטין זיך אויף שדים, דען מעהר האט זיי ניט געפעלט מיא זאל דאס ערפאהרען וואלט מען אויף גיהערט זיי געבין צו לייזין, דען ווער וויל דאס קריכין אין אזו איין געפערליכין ארט וואו שדים זיינען? — יעצט ווען שוין די לעזער פערשטיין פאר וואס גנעסיע זעלדע האט זיך נעלייקינט פר ציפה קריינען, און האט געזאגט אז די מעשה מיט די שדים איז אליגין. — נאר דאס פער־שטיקין האט ניט געהאלפין, דאס גאנצע שטעטיל קוראלאפקע האט גיקלונגען מיט דעם שרעקליכען נייעס אז ביי צמחן אין מיל טאנצען שדים מיט שדיכעס, מיא האט יעדען טאג נאך אנייעם ליגין צוא גיגעבין, ביז מיא האט ערציילט גאנצע מעשיות פון צמח׳ס מיל.

ביילע נישע די בעקערין האט ערציילט פאר אקאמפאניע ווייטער אז בשעת זיא איז מיט אפאר טעג צוריק גיוועזן ביי צמחן אין מיל געמען אזעקיל מעל האט זיא דער זעהען וויא דורך דעם

פענסטעריל פון דעם מיל האט ארויס געשטעקט א צונג וואס איז לאנג געוועזן אפשר דריי קלאפטער, און אז זיא האט אויס שרעק אנגעשריען שמע ישראל! איז פון דר צונג געווארין אקאלב מיט וועקס קעפ, און יעדע קאפ האט געלאכט וויא להבדיל א מענטש.

פייטעל שמערקע דר בעל עגלה האט ערציילט אז בשעת ער איז ביי נאכט פאר ביי געפארין צמחס מיל איז פון דארטין ארויס גיגאנגען אהויכר מענטש וואס איז גיוועזן העכר פון דעם קוראלאפקר קלייסטר, דר מענטש האט געהאלטין אלולקע ציביק אין מויל און האט ביי אים גיבעטין פייער, און אלס ער (דער בעל עגלה) האט אן געהויבין צו שרייען גוואלד איז פון דעם הויכען מענטשין געווארן א שיינע נקבה און האט מיט א שמייכיל צו אים געזאגט שוטה וואס שרייסטו, איך בעט דיך דאך דו זאלסט מיך נעמען אין דיין ביידיל א ביסיל אונטר פארין, און איידר ער האט עפעס גיענטפערט איז די שיינע נקבה אריין גיקראכין צו אים אין ביידיל און די פערד האבין אן געהויבין צו פליהען וויא די טייוואלים, וויא זיי זיינען גיקומען צום שטאט האט גיגעבין א דונער, און די שיינע נקבה איז מיט איין גילעכטער אוועק געפלויגין אין הימעל. — אזעלכע מעשיות האט מען גיהערט אין קוראלאפקע אויף יעדען טריט און שריט, און דער עולם האט טאקע אן געהויבין מורא צו האבן ניט נור גיין אין צמחס מיל אפילו אין גאס ביי נאכט ארויס גיין האבין זיי געציטערט.

דר קוראלאפקער רב האט ארויס גיגעבין איין אוקאז מיא זאל אלע מזוזות פון שטעטיל איבער זעהען, און צעהען בטלנים זאלין גאנצע נעכט זאגין תהלים אין דר גרויסר שול, ער האט אויך ארויס גיגעבין אנייע מאדנע קמיע, און האט זיא פערקויפט סך הכל פאר דריי גילדין אצעהדליג, און די קוראלאפקער יודען און יודענעס האבין דאס צו צוקערט, און יעדר האט אזא קמיע אויפן הארצין אן געטאן. — מיא קאן זיך פארשטעלין די לאגע פון צמחס אונגליקליכר פאמיליע, זיי האבין געבאך גיזעהען אז זיי וועלין גאר אויף דאס נייע מוזען וויא מיא זאגט ליגין די ציין אויף דער פאליצע.

צמח וואס שווייגסטו — האט וויינענד גנעסיע דרייזע צו אים געזאגט — פאר וואס זוכסטו עפעס ניט אמיטעל צו דעם אונגליק. וואס פאר אמיטעל ווילסטו זאל איך זוכען.

איז

אִיז שׁוֹין דָען קֵיין טָאטֶער נִיטָא וָואס זָאל קֶענֶען אַרוֹיס טְרַייבְּן שֵׁדִים פוּן אַשְׁטוּבּ ? מִיא זָאגְט אַז דֶר סְמָאלֶעוִויטְצֶער טָאטֶער אִיז דֶר צוּ אַגְרוֹיסֶער בְּרִיָה . — פָאלְג מִיךְ אַגַאנְג אִין כמאלעוויטש — הָאט צמח מִיט בַּעס גִיעֶנְטְפֶערְט — עֶרְשְׁטִינְס אִיז דָאס אַמְהַלֵךְ אפשר פוּן דְרַיי הוּנְדֶערְט וְויֶערְסְט , אוּנ אַז אִיךְ וֶועל שׁוֹין קוּמֶען אַהִין וֶועט דֶר טָאטֶער גֶעשְׁווִינְד מִיט מִיר פְּלִיהֶען אַהֶער ? עֶר וֶועט דָאךְ בֶּעטִין אפשר הוּנְדֶערְט קַארְבִּין . — נוּא נוּא בֶּעט דֶעם הִיגֶען רב , עֶר אִיז דָאךְ אוֹיךְ אַגְרוֹיסֶער מוּמְחֶה דֶער צוּ , דוּא זֶעהְסְט דָאךְ אַז עֶר גִיט אַלֶעמֶען קְמֵיעוֹת , זָאל עֶר אוּנְז אוֹיךְ גֶעבֶּען עֶפֶּעס אַקְמֵיעֶ וָואס זָאל דִי נִיט גוּטֶע פֶּערְטְרַייבִּין צוּם שְׁוַוארְצֶען יָאר . — אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מִיט דֶעם רב גִירֶעט וֶועגִין דֶעם . — נוּא וָואס הָאט עֶר דִיר גִיזָאגְט .

עֶר הָאט מִיר גִיעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר וָואלְט גִיקֶאנְט דִי שֵׁדִים פוּן פוּן דַאנֶען פֶּערְטְרִיבִּין , נוּר עֶר הָאט פָּשׁוּט מוֹרָא אַהֶער צוּ קוּמֶען, וַוייל נָאךְ זַיין מֵיינוּנְג נָאךְ זַיינֶען דָאס אַזֶעלְכֶע שֵׁדִים וָואס הָאבֶּען אֲפִילוּ פַר דִי גְרֶעסְטֶע רַבָּנִים קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ נִיט . — נוּא הַכְּלַל וָואס זְשֶׁע וֶועט זַיין ? — הָאט גנעסיע זעלדע פֶּערְצְוַוייפֶעלְט גִיפְרֶעגְט .

זָאל מִיךְ אַזוֹ וִויסֶען שְׁלֶעכְטְס וִויא אִיךְ וֵוייס וָואס דָא וֶועט זַיין , אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז מִיא וֶועט מוּזֶען פוּן דַאנֶען אָבּ טְרֶעטִין . פוּן דַאנֶען אָבּ טְרֶעטִין ? וָואס רֶעדְסְטוּ צמח , וואוּ הִין וֶועלִין מִיר גֵיין , מִיר וֶועלִין דָאךְ וַוייטֶער שְׁמַארְבִּין פַאר הוּנְגֶער .

נוּא וָואס דֶען וִוילְסְטוּ , אפשר זִיצִין דָא אוּנ וַוארְטִין בִּיז דִי שֵׁדִים וֶועלִין צוּ אוּנְז אִין שְׁטוּבּ אַרַיין קְרִיכִין . — פִינְסְטֶער אִיז מִיר וָואס טוּט מֶען , וָואס הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ טָאן — הָאט גנעסיע זעלדע גִיקְלָאגְט — עֶס אִיז נִיטָא אֲפִילוּ אֵיין גוּטֶער פְרַיינְד מִיט וֶועמֶען מִיא זָאל זִיךְ קֶענֶען מְיַשֵׁב זַיין , אֲפִילוּ אוּנְזֶר חתן זימעל קוּמְט אוֹיךְ אַהֶער נִיט , וָואס אִיז דָאס פַאר אַיין מעשׂה וָואס עֶר הָאט אוֹיף גִיהֶערְט צוּ אוּנְז צוּ קוּמֶען . — וָואס פֶערְשְׁטֵייסְטוּ דָא נִיט , מסתמא הָאט עֶר אוֹיךְ מוֹרָא פַאר דִי שֵׁדִים . — וַויא אִיז מִיר ! וִוינְד אִיז צוּ מַיינֶע יָארִין ! אפילו דֶער שִׁידוּךְ וֶועט אוֹיךְ קַאלְיֶע וֶוערִין , ציפּה קְרֵיינֶע הָאט דָאס אַבִּיסִיל אָן מִיר אַיין נקמה דֶר לֶעבְּט . — דִי טִיר הָאט זִיךְ אוֹיף גִיעֶפִינְט אוּנ חיענע אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען : טַאטֶע ! הָאט זִיא גִיזָאגְט מִיט אַפְרֵיילִיכֶע שְׁטִימֶע , זֶעה נָאר וָואס דִי שֵׁדִים הָאבִּין בַּיי

אונז פערלארן . — זיא האט איהם דער לאנגט א ביטעלע .

דאס ביטעלע האב איך ערשט געפונען אין מיל — האט חיענע ווייטער גיזאגט — טאקע דארט וויא די שדים קלאפין , דוא זעהסט חאטש אז אפילו ניט נוטע האבין אויך ביי זיך געלד , אין דעם ביטעלע ליגט דרייא רובל . — צמח האט בעטראכט דאס ביטעלע , אונ האט גיענטפערט דאס האט געמוזט פערלירען איינר פון די בעקער וואס קומען אהער קויפין מעל . — וואס רעדסטו טאטע , וואס פאר א בעקר , שוין פון אכט טאג האט אהער א בעקר ניט אריין גישמעקט , אונ ערשט נעכטין בין איך דעם גאנצען מיל דורך גיגאנגען אונ האב דארט דאס ביטעלע ניט גיזעהען , דאס האבין די שדים נעכטין ביי נאכט פערלארין , נוא טאטע וועסט נאך אלץ זאגין אז איך בין משוגע וואס איך שריי אז דאס זיינען יונגאטשעס וואס ווילען אונז שרעקין אונ אונגליקליך מאכין ? פאלג מיך אמאל היינט ביי נאכט אז מיא וועט אן הויבין צו קלאפין זאלסטו מיט מיר אונ מיט דעם קטאראזש גיין אהין דו וועסט זעהן אז דאס זיינען ניט קיין שדים . — דוא ביזט א נאר אונ ווייטר גאר ניש — האט צמח גיענטפערט צארניג — דוא הערסט דאך אז אלע קוראלאפקער איינוואוינער שרייען אין איין קול אז דאס זיינען שדים אונ דוא אליין ביזט די חכמה אונ ווילסט אלעמען מאכין פאר נארונים , דאס ביטעלע האט נור איינר פון די בעקער פערלארין , נאר ביז אהער האסטו זיא ניט בעמערקט , האסט דאך א סימן אז אפילו יעוודעיקא דער סטאראזש גלויבט אויך אז דאס איז מעשה שדים , אונ אז ער גלויבט מסתמא איז דאס אמת .

חיענע האט גיזעהען אז מיט איר פאטער וועט זיא גאר ניט מאכין , זיא האט שוין מעהר מיט איהם וועגין דעם ניט גירעט , אונ האט זיך בעשלאסין אין אנדער מיטיל דער צו אן צו ווענדען .

זיא האט זיך אן גיקליידעט , אונ אהנע אירע עלטערן א ווארט צו זאגין איז זיא אוועק גיגאנגען אין שטאט אריין צו איר חתן .

### ד.

### דאס בלוטיגע מעדכען

ביי היינטיגע יונגע לייט זיינען די געשיכטע אמאל זאנדערבאר

פֿאַר קומען אַשטאַט מיט מענטשן זאָלן גלויבן אַזעלכע נאַרעשקייט, אַז שדים שפּרינגען אַרום אין צמח'ס מיל, און זאָלן צו ליב דעם ווייבין אים מיט זיין מיל, דר פֿאַר אָבער וועלין די עלטערע מענטשן די געשיכטעלע אַלס איינע נאַטירליכע בעטראַכטין, דען יעדר פֿון זיי געדיינקט נאָך וויא מיא האָט אַמאָל אין די קליינע שטעטליך מורא געהאַט פֿאַר שדים און פֿאַר מתים, כמעט אין יעדען שטעטיל האָט זיך געפֿונען אַחורבה אין וועלכע נאָך דר מיינונג פֿון די שטאָט לייט האָבין זיך אויף געהאַלטין שדים, יעדער שטעטיל האָט זיך געהאַט אירע געוויסע מעשיות פֿון טויטע וואָס זיינען אַרום געגאַנגען אין עולם התהו, עס זיינען געווען הייזער פֿערמאַכטע און פֿערשלאָסענע וואָס מיא האָט מורא געהאַט דאָרטין צו וואוינען ווייל מיא האָט געגלויבט אַז דאָרטין וואוינען שדים, נוא איז שוין אַוואונדער וואָס דאָס שטעטיל קוראַלאַפּקע האָט געציטערט פֿאַר צמחס מיל אין וועלכע עס האָט ווירקליך אַלע נאַכט געפּייפֿט און געקלאַפּט?

ציפּה קריינע האָט גאָר געטאַנצט פֿאַר פֿריידע, וואָס איהר בעסטע פֿריינדין האָט אַזאַ פֿינסטערע מפּלה, זיא האָט זוכה געווען צו זעהען נאָך מעהר אַלס זיא האָט ערוואַרטעט, זיא האָט מיט פֿערגעניגען צו געהערט וויא מיא רעט פֿון צמחן מיט זיין מיל, וויא מיא דער ציילט שרעקליכע מעשיות פֿון דאָרטין, זיא האָט אַזוי וויא אַלע געגלויבט אַז דאָס איז טאַקע אַלס אמת, זיא האָט זיך נור געוואונדערט אויף דעם וואָס גראַדע נאָך איר אוים געטראַכטע מעשה וואָס זיא האָט ערציילט ספּרינצע טאָלצען האָט זיך טאַקע געמאַכט ביי צמחן אַמעשה מיט שדים אָדער מיט אַדיבוק.

זאָל זיא וויסין די מילנערקע וויא צו מאַכין איין אָן שטעל—האָט זיא געטיינעט צו איר מאַן, זיא האָט שוין גאָר ניט געוואוסט וויא אַזוי די נאָז צו האַלטין, זיא האָט געמיינט באמת אַז מלאכים שפּילען זיך מיט איר, זאָל זיא וויסין אַז שדים ניט מלאכים שפּילין מיט איר, און די כּלבוניצע היענעלע, זיא האָט אויך פֿערריסין די נאָז און האָט ניט געוואוסט וויא אַזוי דעם קאָפּ צו האַלטין, עפּעס אַקאַטאָוועס זיא איז געוואָרין אכלה פֿאַר דר געזונטער פּאַרצע, פֿאַר זימעלע דעם פֿויער, רעכט אויף איר אַצונד וועט שוין זימעלע אויך מיט איר ניט וועלין טאָן, איך וועל מיך נאָך אָן זיי ביידע נוקם זיין.

דָאס אִיז אַבִּיסֶעל אַהָאזֶע , זִיא הָאט נִיט גֶעוָואלְט אוּנְזֶער חייקען פַּר אַחָתָן, זִיא, דוּ הָאסְט אַיְדִיעָה וָוער זִיא אִיז, זִיא אִיז אַקְאפִּצִינְטֶע בֶּן קאפּצִינְטֶע , זָאל דִי פַּארְשִׁיוֶוע גנעסיע זעלדע אָדֶער דִי חיענע , זָאלִין זַיי נָאר פְּרוּבֶּען קוּמֶען אַהֶער , דִי פִּיס וֶועל אִיךְ זַייא בְּיידִין אִיבֶּער האקִין , אִיךְ בִּין גִיט גְלַייךְ צוּ זַיי . — דָאס הָאבּ אִיךְ דָאךְ מִיט דִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעטַיינֶעט — הָאט יענקול גִיעֶנְטְפֶערְט — אַז דוּ הָאסְט מִיךְ גִיפְרֶעגְט פַּר וָואס קוּמְט דָאס אַהֶער קֵיין מָאל נִיט גנעסיע זעלדע מִיט דָר טָאכְטֶר , הָאבּ אִיךְ דָאךְ דִיר גְזָאגְט : וָואס פְּרֶעגְסְטוּ זִיךְ אַזוּ נָאךְ אוֹיף זַיי , וֶוער זַיינֶען זַיי אוּנ וִויא קוּמְסְטוּ צוּ זַיי , דַיין מַאן אִיז אָן עין הרע אַלַייט , אוּנ אִיר מַאן אִיז אַשְׁלִימַזִיל אַטוִיגֶע-נִיכְטְס , אוּנ וָואס אִיז אַזוּ דֶער יִחוּס מִיט חיענעלען , אוּנ אַז זִיא אִיז אַשֵׁיין מֵיידִיל אִיז וָואס ? אֵייבִּיג וֶועט זִיא דָאס זַיין שֵׁיין ? זָאל זִיא נָאר חתונה הָאבִּין , אוּנ הָאבִּין עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער וֶועט זִיא וֶוערִין מֶעדֶר טְרַאנְטֶע פוּן אִיר מַאמֶען , פֶּע לָאמִיר גָאר פוּן זַיי נִיט רֵיידִין .

וֶועהְרֶענְד זַיי הָאבִּין דָא פוּן צמחס פאמיליע גֶעמַאכְט אַהָן אִיז חיענע גִיזֶעסִין מִיט אִיר חתן אוּנ הָאבֶּען גִירֶעט .

מִיר וַוייסִין שׁוֹין אַז דִי מעשׂה פוּן דִי שֵׁדִים הָאט אוֹיךְ אוֹיף וימלען גֶעמַאכְט אַשְׁלֶעכְטִין אַיינְדְרִיק . אוּנ עֶר אִיז צוּ לִיבּ דֶעם קַאלְט גֶעוָוארִין צוּ זַיין כלה , חָאטְשׁ דָאס הַארְץ הָאט אִים שְׁטַארְק גֶערִיסִין אוֹיף אִיר , דֶען עֶר הָאט זִיא הֶערְצְלִיךְ לִיבּ גֶעהַאט , זַיינֶע עֶלְטֶערִין הָאבִּין זִיךְ מִיט אַלֶע קְרֶעפְטֶע בֶּעמִיהֶעט דִי לִיבֶּע אִין אִים אַיין צוּ לֶעשֶׁען , זַיי הָאבִּין אִים עֶרְקְלֶערְט אַז קוים הָאט עֶר חתונה מִיט אַזַא מֵיידִיל וָואס הָאט אַמָאל גֶעהַאט אַדִיבּוּק וֶועט עֶר עֶוִויג אוּנְגְלִיקְלִיךְ זַיין , דֶען דֶר דִיבּוּק קָאן זִיךְ נָאךְ חלילה אַרַיין חַאפִּין אִין אִים , בערקע דֶר מִילְנֶער , זַיין וַוייבּ ספרינצע טאלצע , וִויא אוֹיךְ זימעל הָאבִּן גִיגְלוֹיבְּט באמונה שלמה אַז רָאס פַּייפֶעַריי אוּנ קְלַאפֶּעַריי בַּיי צמחן אִין מִיל אִיז נוּר פוּן דִיבּוּק וָואס וִויל זִיךְ צוּרִיק אַרַיין חַאפִּין אִין דָר אָרְמֶער חיענען , זַיי הָאבִּין אַלֶע אוֹיף דָר אוּנְגְלִיקְלִיכֶר רחמנות גֶעהַאט , זַיי הָאבִּין זִיךְ אָבֶּר בַּארֶעכִינְט אַז אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אִיז מֶעהְר רחמנוּת, דַארוּם הָאט גָאר זימעל אוֹיף גִיהֶערְט צוּ גֵיין צוּ זַיין כלה .

דָאס הָאט אִים אָבֶּער אַסַךְ גֶעזוּנְד גִיקָאסְט , עֶר אִיז שׁוֹין מִיט אִיר אַזוּ גֶעוואוֹינְט גֶעוָוארִין , אַז עֶר האט גאר גִיט גִיקָאנְט לֶעבֶּען

ער זאל זיא אטאג ניט זעהען אין דער קורצער צייט וואס ער איז
ביי איר פאטער אין הויז ניט גיוועזן איז ער אהאלבער מענטש געווארן,
און ער האט זיך גיוועזן בעשלאסן ער זאל פארט צו איר גיין געוואהר
ווערין די עלטערין זיינע זאלין דר פון גאר ניט וויסין, ער האט זיך
פאר גישטעלט אז זיא מוז זיין פינסטער וויא די נאכט, וויא אקראנקע
מיידיל נעבאך וואס האט אזא פעלער, און וויא איבערראשט איז ער
געווארין אלס גאר אונערווארטעט איז היענע גיקומען צו אים, און
זיא ווייזט גאר אויס אסך שענער אלס זיא איז גיוועזן, גראדע איז
אין שטוב קיינער אחוץ אים גיוועזן, און ער איז איהר מיט דער
גרעסטער פריידע ענטגעגען געלאפין. — וואס מאכסטו מיין
טייערע היענטשקע? — האט ער גיפרעגט העכסט ליבליך.

דוא האסט געווארט ביז איך וועל קומען צו דיר דוא זאלסט
מיך דא קענען פרעגין וואס איך מאך — האט זיא מיט אפער־
דריקליכע מינע געזאגט — ווען דוא זאלסט באמת וועלין וויסען צו
בין איך געזונד וואלסטו שוין לאנג גיוועזן ביי אונז.

גלויב מיר ליבע היענעטשקע אז איך האב ניט גיקאנט גיין.

דוא האסט ניט גיקאנט? פר וואס האסטו דאס ניט גיקאנט?
דוא האסט דאס אזו קיין צייט ניט אב צו רייסין זיך אויף אפאר
שעה פון דער היים? — איך האב ניט גיקאנט צו ליב איין אנדער
פריטשינע. — איך ווייס, איך ווייס, דוא האסט מורא גיהאט
פאר די שדים וואס קלאפין ביי אונז אין מיל.

את וואס מיינסטו, איך האב טאקע מורא געהאט.

טעמען מאגסטו זיך אין דיין פנים—דו גלויבסט אויך אזעלכע
נארעשקייט איך האב געמיינט חלעבין אז דוא ביזט קליגער פון די
היגע נאראנים. — וואס הייסט נאראנים? — האט זימעל פער־
וואונדערט גיפרעגט — דאס איז דען אליגין וואס מיא דער ציילט
אז מיא פייפט און מי קלאפט ביי אייך אלע נאכט.

דאס איז אמת, אבער ווייסטו דען ניט אז ניט דוקא שדים
קלאפין און פייפין, מענטשין קענען אויך דאס איינגענע טאן.

רעכינסטו אז דאס טוען מענטשען? — ניט איך רעכין,
ביי מיר איז דאס געוויס. — וואס סטייטש? די גאנצע שטאט
שרייט דאך אין איין קול נור שדים פייפין און קלאפין ביי ־־־ אין

מִיל, אַנְדֶרֶע זָאגְן נָאךְ אַז דָאס פַּייפְ אוּנ קְלַאפְּט דֶר זֶעלְבִּיגֶר דִבּוּק ..

וָואס פַּאר אַדִבּוּק ? — הָאט זִיא פֶּערְוואוּנְדֶערְט גִיפְרֶעגְט .

עֶס זָאל דִיךְ נִיט פֶּערְדְרִיסִין חיענעטשקע וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר דֶער מָאנְט דֶעם דִבּוּק וֶועלְכֶער אִיז אִין דִיר גִיוֶועֶן .

אִין מִיר אִיז גִיוֶועֶן אַדִבּוּק ? אִין מִיר ? — הָאט זִיא הֶעכְסְט עֶרְצִירְנְט גֶעזָאגְט . — מִיא הָאט אוּנְז אַזוֹ דֶער צֵיילְט .

וֶוער הָאט דָאס אַייךְ דֶער צֵיילְט ? זָאג אִיךְ וִויל וִויסֶען .

דָאס הָאט דֶר צֵיילְט טַאקֶע אַייֶערֶע אַמָאלִיגֶע שוּתְּפֶטֶע צִיפּוֹ, קְריינע . — אַזוֹ ? — הָאט חיענע צָארְנִיג אַגֶעשְׂרֵיי גֶעטָאן — זִיא הָאט גֶעהַאט דִי תָאוֶוע אוֹיס צוּ קְלֶערִין אוֹיף מִיר אַזַא זַאךְ , וַוארְט וַוארְט אִיךְ וֶועל מִיךְ מִיט אִיר אָבּ רֶעכֶענֶען , קוּם מִיט מִיר זִימֶעל , אדרבה קוּם לָאמִיר גֵיין בֵּיידֶע צוּ אִיר זָאל זִיא דָאס מִיר זָאגִין אִין דִי אוֹיגִין . — זימעל הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען פוּן אִיר כַּעַס אַז דִי מעשׂה מִיט דֶעם דִבּוּק אִיז אַלִיגִין . — וָואס טַייג אוּנְז דֶער גַאנְג צוּ אִיר — הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט -- אִיךְ גְלוֹיבּ דִיר אַזוֹ אוֹיךְ , אוּנ אִיךְ לוֹיבּ אוּנ דַאנְק גָאט דֶער פַאר וָואס דָאס אִיז אַלִיגִין , אָבֶּער דִי מעשׂה מִיט דִי שֵׁדִים ? דָאס זָאגְסְטוּ אִיז אוֹיךְ אַלִיגֶען ? — אִיךְ הָאבּ דָאךְ דִיר גֶעזָאגְט אַז בַּיי מִיר אִיז קֵיין סָפֵק נִיט אַז דָאס טוֹעֶן מֶענְטְשִׁין אוּנ אִיךְ בִּין דָאס טַאקֶע גִיקוּמֶען צוּ דִיר , דִיךְ בֶּעטִין דוּ זָאלְסְט צוּ אוּנְז קוּמֶען הַיינְט בַּיי נַאכְט מִיר בֵּיידֶע וֶועלִין אַרַיין גֵיין אִין מִיל אוּנ וֶועלִין זֶעהֶען וֶוער דָאס קְלַאפְּט . — וָואס רֶעדְסְטוּ גָאט אִיז מִיט דִיר ? דוּא ווִילְסְט מִיר זָאלִין גֵיין אִין אַזוֹ אַיין סַכָּנָה ?

זֶעה נוּר זימעל אִיז גִיט אַחַרְפָּה , אִיךְ בִּין אַשְׁוַואךְ מֵיידִיל הָאבּ אִיךְ קֵיין מוֹרָא נִיט אוּנ דוּא בִּיסְט אָן אַנְהָארֶע אַגֶעזוּנְטֶער בָּחוּר , דוּא הָאסְט מוֹרָא . — פַאר מֶענְטְשִׁין וָואלְט אִיךְ קֵיין מוֹרָא נִיט גֶעהַאט , אָבֶּער שֵׁדִים וַוייא אִיז מִיר ! — וַוייטֶער רֶעדְסְטוּ פוּן שֵׁדִים ? אִיךְ זָאג דָאךְ דִיר אַז דָאס אִיז נוּר אַמֶענְטְשֶׁעסֶע אַרְבֵּייט , אַסִימָן הָאסְטוּ אַז אֵיינֶר פוּן זֵיי הָאט פֶערְלָארִין אַבֵּייטֶעלֶע מִיט דְרַיי רוּבֶּעל . — אַזוֹ ? הָאט זימעל נַאכְדֶענְקֶענְד גֶעזָאגְט — זֶעהְסְטוּ דָאס אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אַז אֵייגֶער פוּן זֵיי הָאט פֶערְלָארִין דְרַיי רוּבֶּעל זַיינֶען דָאס נִיט קֵיין שֵׁדִים , דֶען שֵׁדִים בַּאדַארְפִין נִיט קֵיין בֵּייטֶעלַאךְ אוּנ נִיט קֵיין גֶעלְד . — נוּא וֶועסְטוּ אַיין אַיינְגְ בַּיי נַאכְט

מיט מיר אין טיל זעהען ווער זיינען די שדים ? — אַ חיענטשקע איך וועל גיין — האט ער ענטשלאפֿן גיענטפֿערט — נור ווייסטו נאך וואס איך וועל טאן , איך וועל מיט נעמען אונזער גרויסן הונד , ער וועט אונז ביי אַזא מעשה זייער צו ניץ קומען .

נעם מיט דעם הונד נאר געדיינק איך האב פֿון דיר איין ווארט אַז דוא וועסט קומען , זאג מיר נאר וויפֿיל דעם זייגער זאל איך אויף דיר וואַרטען ? — איך קאן פֿריער פֿון איינס דעם זייגער פֿון דער היים ניט אַרויס גיין ביז אַלע וועלין זיך לייגין שלאפֿין , און נאכדעם קאן ביי מיר די גאַנג גיווערין אַשעה , וועל איך צו דיך קומען אַרום צוויי דעם זייגער .

נוא גוט אין דער סאַמע רעכטער צייט — האט זיא לאַבענד געזאָגט — נוא האב מיר אַגוטען טאג דער ווייל , געדיינקשע איך וואַרט אויף דיר צוויי דעם זייגער , איך וועל זיצן ביי אונז אויף דער פֿרישפע .

## ה.

## דער שד אין זאק .

עס וואַר זייער אַשיינע יולי נאַכט , דער הימעל איז גיוועזן ריין וויא אַשיינע שפּיגעל , און די מיריאַדען פֿינקעלדע שטערין האבן פֿון אים שטיל אַראפּ געקוקט אויף דער שטילער גרוישלאַזער ערד , די אַלע אַיינוואוינער פֿון קוראלאפקע האבען שוין לאַנג געשלאפֿין , אויסער ביי צמחן אין וואוינונג האט נאך קיינער מיט איין אויג ניט צו געמאַכט , צמח גנעסיע זעלדע און זייערע פֿינף אינגערע קינדער זיינען גיזעסין אַלע אין איין צימער און אַצאַן און אַצאַן האט זיי אַלע גיקלאַפּט פֿאר שרעק , דען פֿון דער טיל האט עס וויא אַלע נאכט געפּיפֿט און געקלאַפּט , אין יעדער מינוט האט זיך אַלץ גיהערט איין אַנדער קול , אַקול פֿון אַהונד , פֿון אַקאַץ , פֿון אַקאַלב ענדליך פֿון אַהאָן פֿון איין אינדיק , צמח איז גיזעסין איבער איין תהלים און האט אין האַנד געהאַלטין זיין טלית און תפֿילין , און גנעסיע זעלדע איז גיזעסין איבער דעם גרויסן קרבן מנחה און האט אין האַנד געהאַלטין דעם רבש קמיע , די אַלע קינדער זיינען גיוועזן צוגעטולעט צו איר פֿאַרטוך , און האבן קדם געאַטהמעט

פאר שרעק, אפילו צמח מיט זיין ווייב האבן מורא געהאט אוואַרט אויס צו ריידין, אונ האבן קוקענדיג אין די היילינע ספרים זיך איין געהערט צו דעם רעש וואס קומט פון דער מיל.

חיענע איז געזעסין נעבען שטוב אויף דער גראזבאנק, אונ האט מיט דער גרעסטער אונגעדולד ערוואַרטעט איר זימלעו, זיא האט פון דאנען נאך בעסער געהערט דאס פייפין אונ גרילען אין מיל, נאר זיא האט זיך ניט אן געהויבין צו שרעקין, זיא האט זאגאר אליין געוואלט גיין אין דר מיל, זיא האט אבער מורא גיהאט פאר א קלאפ אונ פאר אפאטש פון אמענטשענהאנד, איר עלטערין האבין געמיינט אז זיא שלאפט אין איר צימר, אונ האבין בעוואונדערט אין הארצין וויא זיא קאן רוהיג שלאפין ביי אזו איין שרעקליכע סצענע. — זיא האט ענדליך פאר דעם שיין פון דעם מאנד דער זעהען פון ווייטין אפיגור גייענדיג פון דעם שטעטיל, זיא האט באלד פערשטאנען אז דאס מוז זיין זימעל אונ איז אים ענטגעגענגעלאפין. — דאס איז ווירקליך גיוועזן זימעל, זיא איז אים אום עם האלז געפאלין אונ האט געזאגט: איך דאנק דיר זייער מיין לעבין וואס דוא ביזט גיקומען, איצט ווערין שוין דוכט זיך די שדים פון אונזערע הענד ניט אנטלויפין. — וואס זיי שומען היינט אויך? — האט ער גיפרעגט. — קום נאר צו נעהענטער וועסטו הערין — האט זיא שמייכלענד גיענטפערט.

אלס זיי זיינען נעהענטער צו גינאנגען, אונ זימעל האט ערהערט די פערשיידענע קולות פון דער מיל, איז ער אזו ערשראקין געווארין אז ער האט אוואַרט ניט גיקאנט ריידין, חיענע האט דאס בעמערקט אונ האט זיך פר נאנדער געלאכט, דו האסט וויא איך זעה שטארק מורא פאר די ניט גוטע" האט זיא געזאגט, נאר איך זאג דיר נאך אמאל דו זאלסט גאר קיין מורא האבין, דו וועסט זעהען וויא דו מיט דיינע קולאקעס וועט גיכער די שדים פערטרייבין אלס דער רב זאל לעבין מיט זיינע קמיעות, קום איך גיי פריער אריין אין מיל, זייער גוט וואס דו האסט דעם הונד מיט גינומען, ער וועט אונז העלפין זוכין די שדים. — זימעל האט זיך גישעמט ווייזין ווייכהערציגקייט פאר זיין טומהיגער כלה איז פעריאגענד מיט געוואלט זיין שרעק האט ער גיענטפערט: דו האסט טעות חיענע,

איך האב נאר קיין מורא ניט, זעהסט דאך אז איך בין געקומען אומביסטין אהער מיר זאלין גיין אין מיל, וויא וועלין מיר אבער גיין אין דער פינסטער? — איך האב שוין אן געגרייט אלאטערנע מיט ליכט מיט שוועבעלאך אונ מיר קאנען שוין גיין.

זיא האט געשוויגנד ארויס גינומען דאס שטיקעל ליכט וואס עס האט גישטעקט אין דער לאטערנע וועלכע איז אויף דער גראז באנק גישטאנען, האט זיא אן געצונדין אונ צוריק אין דר לאטערנע אריין גישטעלט, „נוא אין אגוטער שעה" האט זיא מונטער גיזאגט, איך וועל גיין פריער ווייל איך בין אין אלע לעבער פון דער מיל ב-קאנט אונ דוא מיט דיין הונד גיי נאך, נאך מיר.

אונ איידער ער האט גיענטפערט איז זיא שוין געלאפין צו דער מיל, זימעל האט שוין איר געמוזט נאך גיין, אונ דאס הארץ האט אין אים געציטערט אלע גלידער האבין זיך אין אים גיטרעסעט וויא פון פיבער. — אין מיל האט ניט אויף גיהערט צו פייפין, קלאפען, קרייען, בילין, חיענע האט אויף די אלע זאכין ניט געקוקט אונ איז אריין גיגאנגען מיט דער לאטערנע, קוים האט זיא נור אויף דער שוועל פון דר מיל ארויף געטראטין איז פלוצים שטיל געווארין. — ווער מאכט דאס דא אזעלכע קולות? — האט זיא שטרענג אגעשריי געטאן, נאר קיין אנטווארט איז אויף דר פראגע גיוועזן, זיא האט אויף געהויבין די לאטערנע אין דער הויך אונ האט אקוק געטאן אלעס איז דא גיוועזן אין ארדנונג אונ קיין נפש וואר דא צו זעהען. — זימעל האט מעהר מוטה געקריגין אלס ער האט גיזעהען וויא זיין כלה גייט אזו פורכטלאז אין דער מיל, אונ דער רעש איז שטיל געווארין, ער האט אפייף געטאן צו זיין גרויסין הונד אונ האט זיך אלאז געטאן אין אלע זייטין, דער הונד האט אן געהויבין צו האפקען אונ צו שמעקין מיט דער נאז, אונ איז שטיין געבליבין מיט אשרעקליכעס בילין נעבען אגרויסין קאסטין וואו הין מיא פלעגט די ווייץ אב שיטען, דער קאסטין איז גיוועזן צו גידעקט מיט אלייכטען הילצערנעם דעק.

זימעל! דא אין דעם קאסטען מוז דער שד ליגין — האט חיענע אגעשריי געטאן, אונ לאמיר אים נאר עפינען.



ווים׳ל

זימעל האט אבער מורא געהאט זיך צו רירען צו דעם קאסטען , און דער הונד איז אויף דעם קאסטין ארויף געשפרונגען און האט מיט די פיס געריסין דעם דעק און האט דער ביי מיט זיין בילען די אויערין פערטויבט .

דאן איז חיענע אליין צו געלאפין , האט דעם הונד פון דעם קאסטען אראפ געטריבין און האט אליין דעם דעק אויף געהויבין , קוים האט זיא אבער דעם דעק אויף געהויבין איז דער הונד אין דעם קאסטען אריין געשפרונגען , און אין דער מינוט האט איין מענטשענשטימע אן געהויבין צו שרייען · גוואלד ראטעוועט !

מיט מיהע האט זימעל דעם הונד פון דעם קאסטין ארויס געשלעפט און חיענע האט מיט דער לאטערנע בעלייכטעט אין קאסטין . — מיין גאט וואס זעה איך חיימקע יענקול האפס ? — האט זימעל ערשטוינט אנגעשריי געטאן אלס ער האט דער זעהען דעם מענטשען וואס ליגט אינעווייניג .

דו זעהסט שוין האטש ווער אונזערע שרים זיינען — האט חיענע מיט כעס געזאגט — נו וואס שווייגסטו זימעל , שלעפ אים גאר ארויס פון דאנען און זיי איהם מכבד מיט אפאר פון דיינע פעטש .

זימעל האט דעם למדן ארויס געשלעפט , ער איז געוועזן בלאס וויא דר טויט און דאס פנים וואר פערבלוטעט פון דעם הונדס אביס .

זאג מיר וויא קומסטו אהער — האט צו אים זימעל געשריען , און האט אים אראפ געלאזט אשיינעם פאטש .

שלאג מיך ניט זימעל , האב אויף מיר רחמנות — האט זיך חיימקע וויינענדיג געבעטין .

דער צייל זשע וויא קומסטו אהער — האט זימעל געשריען — דען איך מאך דא דיר דעם טויט אויף דעם ארט , אדער איך וועל אויף דיר מיין הונד אן רייצין .

טשעפע מיך ניט לאנגע יאר זאלסטו האבין איך וועל דיר אלץ דער ציילין — האט חיימקע אלס וויינענדיג געזאגט .

נוא דער צייל זשע שוין — האט חיענע געזאגט — דאס האט דיר דיין מאמע די צדקניות געהייסין זאלסט אונז שרעקין ?

ניין ! וויא איך בין איזר די מאמע ווייס גאר דער פון ניט.
וואס דען דיין טאטע האט דאס דיר געהייסין ?
ניין חלעבין דער טאטע ווייס אויך דער פון ניט דאס האב איך אליין געטאן.
פאר וואס האסטו דאס גיטאן ? — האט זימעל גיפרעגט.
איך האב גיהערט וויא די מאמע האט זיך בעריהמט אז זיא האט דיין מאמען אן געשראקין מיט אמעשה, וואס זיא האט איהר דער ציילט אז היענע האט געהאט אדיבוק, האב איך געוואלט אז דוא זימעל מיט דיין טאטע אונ מאמע זאלט טאקע מיינען אז דער דבוק וויל ווייטער ארין גיין אין חיענען, דאריבער האב איך אלע נאכט דא געמאכט קולות פון שדים.
פאר וואס זשע האסטו דאס געוואלט אז מיר זאלין דאס מיינען ?
וויל.... איך שעם מיך בנאמנות אויס צו זאגין.
וואס פערשטייסט דוא דא ניט — האט חיענע לאכענדיג געזאגט — ער האט געמיינט אז דוא וועסט דעם שידוך אב לאזין וועל איך דאך מוזען מיט אים חתונה האבין.
דאס האסטו טאקע געמיינט ? — האט זימעל גיפרעגט.
חיימקע האט געשוויגין.
דוא רעדסט צו ניין ? ווארום איך שלאג דא דיך צום טויט — האט זימעל געשריען.
יא בנאמנות, דאס האב איך טאקע געוואלט — האט חיים קוים גיענטפערט.
אזא סוחר ביזטו ? האט זימעל געזאגט — נוא זאג וואס פאר אפסק זאל איך דיר געבין דער פאר וואס דוא האסט איין גאנצע פאמיליע שיער אונגליקליך געמאכט.
לאז מיך זימעל אפ, וויא איך בין איזר איך וועל דאס שוין מעהר ניט טאן.
אב לאזין דיך ? — האט זימעל צארניג געשריען אונ האט איהם פאר דעם קארג אן גענומען — איך מוז דא פון דיר מאכין אבארג אש.

טשעפע איהם ניט — האט חיענע געזאגט — איך האב פאר איהם איין אנדער עצה, דוא לייג איהם אריין אין איינעם פון די זעק וואס ליגען דא, און מארגען וועלין מיר איהם פאר דער גאנצער שטאט אין די אויגען פון דארטין ארויס לאזין וואס איז טייערער פון פעטש, און דאס וועט אויך זיין אגוטער ביי געלד פאר אלע יונגאטשעס וואס ווילען ווערין שרים •

דוא ביזט גירעכט חלעבין חיענעטשקע -- האט זימעל העכסט ערפרייט געזאגט — דאס איז איין איינפאל בנאמנות •

ער האט באלד גינומען אזאק אין וועלכען עס איז מיט אפאר טעג פריער גיוועהן ווייצענע מעל און האט געהייסין חימקען קריכין אין דעם גרויסין זאק •

דער למדן האט זיך מיט טרערין גיבעטין מיא זאל איהם אזו איין בושה ניט אן טאן, ער איז פערטיג גיוועהן די ערגסטע פעטש צוא ערטראגין אבי אין זאק ניט קריכען, אבער חיענע מיט זימלען האבין דער פון ניט געוואלט הערין, זימעל האט איהם מיט גוואלד אריין געשפארט אין זאק, און האט איהם פערבונדין, ער האט דארטין אויך אלעכול געמאכט ער זאל קענען דורך איהר אטהמען, און האט איהם ארוף געטראגין אין מיהל אויפין ביידים •

הא הא הא! — האט חיענע געלאכט אלס זייא זיינען ביידע פון דער מיהל ארויס גיגאנגען — דאס איז אשיינע געשיכטע חלעבין, מארגין וועט אונזער שטעטיל האבען פון וואס צוא ריידין, און פון וואס צו לאכין •

מיר איז איין געפאלין נאך אפלאן—האט זימעל געזאגט— מיא וועט אפילו אין שטאט ניט וויסען ווער דאס האט דעם שד אין זאק אריין געלייגט •

וואס הייסט מיא וועט ניט וויסען?

דוא וועסט שוין זעהען פערטיגערהייט, דו וועסט זעהען וואס פאר איין התונה איך וועל מארגין אויף שפילין דורך איער סטאראזש מעוודעיקא, וואו איז ער נאר, איך מוז מיך מיט איהם זעהען •

ו.

## איין אונערווארטעטער קלאפ.

די גאנצע שטעטיל קוראלאפקא האט געקלונגען מיט דער אינגעהערטע נייעס אז יעוודעיקא דער סטאראזש פון צמחם מיהל האט דורך כישוף אריין גענארט דעם שד, וועלכער האט דארטין אלע נאכט גערודערט, אין א זאק, און צועלף דעם זייגער ביי טאג וועט ער איהם פון דעם זאק פאר אלעמען אין דיא אויגען ארויס לאזין, אלע איינוואוינער פון קורלאפקא מענער, פרויען, אלטע, יונגע, יונגעליך, מיידעלאך, זיינען געלאפין צו צמחם מיהל זעהען וויא יעוודעיקא וועט דעם שד פון דעם זאק ארויס לאזין.

אויך בעריל האפ מיט ציפה קריינען האבין זיך צו גיקליבין זעהען דעם וואונדער, ציפה קריינע האט צו ליב דעם זיך פערפיצט אין איהר נייע יומטובדיגע קלייד מיט דעם נייעם ציפיק וואס איהר יענקול האט איהר געבראכט ניט לאנג פון ווילנא.

וואו איז דאס אונזער חיימקע? — האט זיא דעם מאן גיפרעגט — זאל ער אויך מיט אונז גיין.

איך האב איהם נאך היינט אין די אויגין ניט גיזעהען— האט יענקול גיענטפערט — ער מוז זיין אין בית המדרש, איך ווייס גאר ניט וואס ער טראכט זיך, ער לערינט שוין געבאך איבער דיא כחות.

א שיינער טאטע ביזטו אז דוא לאזט דאס — האט ציפה קריינע צארניג געזאגט — דאס קינד וועט זיך נעבאך פאר טומשען, ער האט דאך נאך היינט אין זיין מויל ניט געהאט.

נישקאשע עס איז קיין ביז ניט — האט יענקול גיענט-פערט — דיא תורה וועט איהם געבין כח, וועט ער עסין שפעטער אביסעל, נוא גיכער לאמיר גיין זעהען דעם נס, עפעס גלויבט זיך מיר ניט אז דער סטאראזש יעוודעיקא זאל

זיין אזו איין טרויסער בישוף מאבער אונ זאל קענען איין שד אביין נארין אין זאק, וואס זאגסטו ציפה קריינע דוא גלויבסט דאס ?

איך ווייס אז אלע זאגען פארט אז ער האט דעם שד אין זאק אביין גענארט, מסתמא איז דאס אמת, איך וועל דיר זאגען דעם אמת יענקיל אז מיך פערדריסט שטארק דיא מעשה געהרגעט זאל ווערין יעוודעיקא, פאר וואס האט ער דעם שד געחאפט, ניבאי וואלט ער צמחן מיט גנעסיע זעלדען אזו לאנג געמוטשעט ביז די נשמות זאל פון זיי ארויס קריכען.

אונ דוא שוטה מיינסט אז דער מיט האבין זיי שוין געפאטערט ? — האט יענקול גיענטפערט — דוא ווייסט אז מיא זאטשעפעט זיך מיט דער חברה שדים וואס פאר איין שווארצען סוף מיא האט ? טאקע דער פאר וואס מיא האט איינעם פון זייא פאר שפארט אין אזאק וועלין זייא ערשט אן הויבען צוא וואיעווען.

הלוואי טאטע געטרייער — האט ציפה קריינע מיט אפרום פנים געזאגט — הלואי זאלין דיא שדים אויף שפילין מיט זייא עפעס איין חתונה, נור דוא וועסט גלויבין יענקול אז מיר שרעקט עפעס דאס הארץ, איך האב נאך קיין מאל אין מיין לעבין איין שד ניט גיזעהען איך ציטער איך זאל דארטין חלילה פאר שרעק ניט חאלעשין.

האב קיין מורא ניט, דוא זעהסט דאך אז דאס גאנצע שטעטיל לויפט אהין.

זאג מיר יענקול וויא ווייזט אויס אשד ?

דוא ווייסט דען ניט אז אשד איז מיט הינערשע פיסלאך אונ מיט צוויא לאנגע הערנער נאר אשד קאן זיך פאר שטעלין אין וואס פאר אזאך ער וויל, אין אקאץ אהונד, אונ להבדיל אמענטשען, דעריבער ווייס איך ניט אין וואס פאר איין פנים דער שד וועט זיך ווייזען, נאר מיר האבין זיך פאר רעט, אונ מיר קענען די גאנצע חתונה פערשפעטיגין.

אונ ביידע זיינען וואס צום גיכסטען געלאפין צו צמחס מיל.

דארטין איז גיוועז אזא נאראד וואס עס וואר אונמעגליך זיך דורך שפארין, נאר אונזער פאר פאלק יענקול מיט ציפה קריינען האבען זיך פארט דורך געשפארט.

דער עולם האט גירעט פון דעם שד, יעדער האט ער־ציילט איין אנדער מעשה וויא אזוי יעוודייקא האט איהם אביין גענארט אין זאק, אונ אלע האבען מיט דער גרעסטער אונ־געדולד ערווארטעט צוא זעהען וואס פאר איין פנים דער שד האט.

ענדליך איז יעוודעיקא ארויס גיגאנגען פון דעם מיל צווייא מענטשין וואס האבען טאקע אין מיל געארבייט האבין געטראגין איין גרויסין זאק אויף דיא פלייצעס, דאס גאנצע פובליקום איז ערציטערט געווארין, אונ איינער האט זיך געהאלטין אן דעם צווייטען.

יעוודייקא האט זיך גישטעלט אויף אקליין בערגיל וואס וואר ניט וועיט פון דער מיהל, אונ דאס גאנצע פובליקום האט דעם בערגיל פון אלע זייטין ארום גערינגעלט, דער סטאראנש האט גאר אן ווערטער אב געבונדין דעם זאק אונ האט אגעשריי געטאן אויף זיין לשון: נוא קריך שוין ארויס.

דער שד אבער האט זיך ניט געוואלט רירען פון ארט, איהם איז ליבער גיוועז צוא ליגען אין זאק איידער ארויס צוא קריכען פאר אזא נאראד וועלכען ער האט דורך דעם לעכיל פון זאק דער זעהען.

דוא גייסט ארויס צו ניין? — האט יעוודייקא מיט כעס געזאגט אונ האט געהייסין זיינע צוויי באלעפער זיי זאלין דעם זאק אויס טרעסען, זיין באפעל האט מען באלד מקיים גיוועז אונ פון דעם זאק איז ארויס געפאלין אמענטש פון קאפ ביז דיא פיס איין געטונקט אין ווייסע מעהל, ער האט אויס גיזעהען שרעקליך טאקע וויא עפעס איין טייפעל דאס גאנצע פובליקום האט אגעשריי געטאן אויס שרעק, אונ אפיך זייגען אנטלאפין מיט אגוואלד.

חיימקע האט אויס שרעק ניט געוואוסט וואס צוא טאן,

און אײדער ער האָט גיפונען איין עצה איז שוין זימעל געגעבען איהם געשטאנען, ער האָט איהם אָן גינומען פאר דער האַנד און האָט אַגעשרײ געטאָן צו דעם פובליקום, איהר ווייסט וועער דער שד איז? קוקט זיך נור גוט אין איהם איין וועט איר דער קאָנען דעם תּכשיט חײמקען רבי יענקיל חאפּס בּחורל.

קוים האָט ער דאָס אויס גירעט האָט ציפּה קריינע אַגעשריי געטאָן: מיר איז שלעכט! און איז אין אונמאַכט געפאַלין.

עס איז געוואָרין אַרעש אמהומה, אײניגע האָבּין געלאַכט אַנדערע האָבען געשאָלטין מיט טויטע קללות דעם שד וואָס האָט זיי אלעמען אַזוי דער שראָקין, און אײניגע האָבען זיך גינומען מינטערין ציפּה קריינען, און די מהומה האָט ניט אויף געהערט אין קוראלאפקא גאַנצע אַכט טאָג.

* *

*

אַלע מיינע שונאים און אײערע שונאים, ליבּע לעזער, זאָלין האָבּין אַזעלכע פּנימער וויא יענקול האפּ און ציפּה קריינע, מיט זייער תּכשיט חײמקען האָבען געהאַט נאָך דער געשיכטע, זיי האָבען זיך אַלע אָפּשר אַקײלעכדיג יאָר געשעמט אויף דער גאַס צו ווייזען דען זיי האָבען שוין קיין אַנדער נאָמען געהאַט וויא שדים.

דער פאַר אָבער האָט צמחס פאמיליע אָפּ געלעבּט, צמח האָט אָן געהויבּין צו האָבען פּרנסה בּשופע טאָקע פון דער מיל, חיענע האָט חתונה געהאַט מיט איר זימלען און זיי לאַבען נאָך היינט בּיידע אַלס זיי דער מאָנען זיך די מעשה פון דעם שד וואָס זיי האָבען אַריין געלייגט אין זאַק.

4179

אשר א״ז